# פרשת שופטים

**בס"ד. משיחת יום ג' פ' תבוא, י"ד אלול ה'תש"מ, לילדי מחנות קיץ שיחיו.**
**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ'געפינט זיך דאָס אין חודש אלול,

וואָס אָט דעמאָלט איז דאָך, ווי דער אַלטער רבי זאָגט, איז "המלך בשדה", אַז מ'דאַרף זיך גאָרניט אָנשטרענגען און מאַכן צוגרייטונגען כדי צו טרעפן זיך מיטן אויבערשטן און אים קרוינען אַלס אַ מלך און אלקים – וואָרום ער געפינט זיך מיט יעדער אידן אין פעלד, ניט בהיכל מלכותו, ניט באַ זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין היכל, נאָר מיט יעדער אידן אין פעלד,

און ווי דער אַלטער רבי שטרייכט אונטער, אַז ער באַווייזט זיי "פנים שוחקות" – אַ פריילעכן פנים, "ומקבל בסבר פנים יפות" – און ער נעמט-אויף יעדערן פון זיי מיט אַ לייכטענדן פנים און מיט אַ שיינעם פנים, און וואַרט אַז מ'וועט אים געבן די בקשות, וועט ער זיי ממלא-זיין.

* * *

וואָס דאָס פריער-געזאָגטע קומט אויך אין פאַרבונדונג וואָס גאַנץ חודש אלול, ווען דער מלך [איז] בשדה, איז בלאָזט מען שופר בכל יום, אַחוץ שבת און ערב ראש-השנה, (און ווי געבראַכט אויף דערויף אויך דער טעם) און ווי מ'האָט אויך דאָ געבלאָזן איצטער נאָך דער תפילה, [אין צוגאָב וואָס מ'בלאָזט שופר בכל יום נאָך תפילת שחרית, אין אָנהויבס טאָג],

און ווי געבראַכט אויף דערויף דער טעם, אַז דאָס איז דערמאָנען אידן אויף די יראה, "היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו", אויף דערמאָנען זיך אויף יראת-השם, וואָס דאָס ברענגט דערנאָך אויף לערנען תורה און מקיים-זיין די מצוות וואָס אין תורה, ווי דערמאָנט פריער,

און וואָס דאָס ווערט נאָכאַמאָל דערמאָנט פון-דאָס-ניי ממש "היום הזה" – דורך תקיעת שופר.

און ווי געזאָגט אין דעם טעם, אַז "יחרדו": די זאַך פון דער יראה איז דאָס ניט פאַר-זיך, נאָר כדי דאָס זאָל ברענגען צו דעם תכלית, צום עיקר תכלית,

וואָס דאָס איז – ווי דער טעם וואָס ס'שטייט אויף תקיעת-שופר, אַז דאָס איז ווי מ'פירט זיך, אַז בשעת מ'קרוינט אַ קייסער איז אָט דעמאָלט בלאָזט מען שופר, אויף צו באַווייזן די שמחה, אַז מ'האָט מכתיר געווען דעם מלך, ווי ר' סעדי' גאון איז מאריך בארוכה,



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

וואָס אָט אַזוי איז אויך בהנוגע צו תקיעת-שופר פון חודש אלול, תקיעת שופר פון היינטיקן טאָג, וואָס מ׳האָט אויך ערשט-אָ געבלאָזן – אויף דערמאָנען יעדערן פון אונז –און (דור) אויך אַלע אידן בכל מקום שהם, וואו זיי געפינען זיך – אויף דעם ענין פון יראת-השם, און צו טאָן ווי ס׳שטייט אין דעם שיעור (חוד) פון דעם טאָג פון חומש – לערנען תורה און מקיים-זיין זיינע מצוות,

אָנהויבנדיק פון דער מצוה פון ״האמרת״ – אַז מ׳נעמט-אָן דעם אויבערשטן אַלס אַ קייסער, ״היום הזה״, דעם טאָג ממש.

און דאָס איז אויך פאַרבונדן, ווי מ׳זעט דאָך ווי ס׳פירט זיך אין מנהגים, און געבראַכט אויך אין תורה, אַז אַ מלך ווען מ׳קרוינט אים אַלס אַ קייסער, איז אָט דעמאָלט גיט ער מתנות צו די אַלע וואָס האָבן אים מכתיר געווען אַלס אַ מלך,

ובפרט נאָך ווי מ׳האָט פריער דערמאָנט* , אַז יעדערער פון אייך – און זיכער נאָך אידישע קינדער און אידישע ערוואַקסענע – האָבן געגעבן מתנות פון פסוקי התורה און פון מאמרי חז״ל און פון קיום המצוות, און געגעבן אַ סך, און מיט ״פנים שוחקות״ און מיט ״פנים יפות״,

וואָס דאָס פאַרגרעסערט נאָכמערער די מתנות וואָס דער קייסער, וואָס דער אויבערשטער, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, גיט יעדערן פון אייך און יעדערן פון דעם אידישן פאָלק, און יעדער אידן וואו ער געפינט זיך,

אָנהויבנדיק פון דער מתנה עיקרית, אַז מ׳זאָל זיך גרייטן צו דעם יאָר וואָס קומט-אָן, און ס׳זאָל זיין אַ כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה, צו יעדערן און יעדערע אין וואָס ער נויטיקט זיך,

צוזאַמען מיט דער ברכה העיקרית – גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, בקרוב בימינו ממש.

— • —

*) מנהלי המחנות-קיץ שיחיו, בדיבורם אל הילדים והילדות, אחרי אמירת י״ב הפסוקים ומאמרי חז״ל.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.